**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/25/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף 3.56 מיליאן דאלערדיגע קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו פראיעקט אלס טייל פון די אלבאני דאונטאון ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו**

***פראיעקט וועט ווידער-אויסמאלן הויפט סיטי וועג, שטארקן געגנט פארבינדעניקייט און שאפן פלאץ פאר פאפ-אפ ביזנעסער, צוזאמענקונפטן און פראגראמען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט דער אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף די קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו פראיעקט וואס וועט איבערבויען פעדעראל פארק ביים ווינקל פון קלינטאן עוועניו און בראדוועי אינעם קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו. דער פראיעקט, גע'ספאנסאר'ט דורך קאפיטעלייז אלבאני, באקומט 1.16 מיליאן דאלער אלס טייל פון די 10 מיליאן דאלער אלבאני דאונטאון ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו. די 3.56 מיליאן דאלער פראיעקט איז רעקאמענדירט געווארן פאר א $750,000 עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט קאפיטאל גרענט פון די קאפיטאל ראיאן עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל, א 1.1 מיליאן דאלער אמעריקאנער רעטונג פלאן אקט שענקונג פון די סיטי אוו אלבאני, און א $250,000 גרענט פון נעשענעל גריד.

"די קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו פראיעקט איז די לעצטע ביי‍ַשפיל פון ווי אזוי אינוועסטירונגען טראנספארמירן קאמיוניטיס און שטופן פאראויס עקאנאמישע אנטוויקלונג אין דאונטאונס דורכאויס די סטעיט,"**האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די קאפיטאל ראיאן פראיעקט וועט שאפן בעסערע ביזנעסער און דזשאב געלעגנהייטן אינעם געגענט בשעת'ן שטיצן א שענערע און בליענדע פלאץ. דורך די דאונטאון ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו, וועט ניו יארק סטעיט ווייטער דעליווער'ן די ריסאורסעס וואס קאמיוניטיס דארפן כדי צו בליען און ערפילן זייערע פולסטע מעגליכקייטן".

דער ערפינדערישע ווידער-אויסמאלן פון א נישט-גענוג-אויסגענוצטע פראפערטי וועט רעזולטירן אינעם שאפונג פון א בליענדע פובליק פלאץ מיט א נייע מארקעט קאנצעפט וואס דינט אלס גרונד פאר אנהויב ביזנעסער און נעמט אריין פארשידענע פאפ-אפ ריטעיל, געשעפטעלעך דורך לאקאלע ארטיסטן און צוזאמענקונפטן. די הויפט לאקאציע פונעם מארקעט וועט שטארקן א הויפט וועג צום קאפיטאל סיטי ביים ברעג פונעם סקייוועי וואס באגריסט טעגליך איבער 20,000 מענטשן, באפעסטיגנדיג קלינטאן סקווער'ס ראלע אלס סיי א שפרודלדיגע דעסטינאציע און א באגריסנדע ארייננגאנג צו די סיטי'ס אייגנארטיגע לאקאלע געגנטער, קונסטן סצענע און קאמערשיעל וועניוס.

**סעקרעטאר אוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "עס איז באגריסנד צו זען די ערד צובראכן אויף דעם נייעם קלינטאן מארקעט קאלאבאראטיוו פראיעקט וואס אנטהאלט אומגעהויערע עקאנאמישע פאטענציאל פאר די איינוואוינער פון אלבאני און די ארומיגע קאפיטאל דיסטריקט. די קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו איז א קאטאליסט וואס וועט ברענגען די ווידער אויפלעבונג פון קלינטאן סקווער דורכן דינען אלס אייגנארטיגע פלאץ פאר נייע ביזנעסער צו וואקסן, קאמיוניטי מיטגלידער זיך צו צוזאמנעמען און באזוכער צו ווערן באגריסט צו די סיטי. הערליכע און שפרודלדיגע פובליק פלעצער זענען

גאר וויכטיג פאר דאונטאון ווידער אויפלעבונג, און איך בין שטאלץ אז די דעפארטמענט אוו סטעיט קען שטיצן וויכטיגע פראיעקטן אזוי ווי דאס דורך אונזער דאונטאון ווידער אויפלעבונג אינציאטיוו."

די שאפונג פונעם קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו וועט פארברייטערן קלינטאן סקווער'ס באדייטנדע שטארקקייטן און געלעגנהייטן וואס ווען ווערן אויסגענוצט דורך די דאונטאון ווידער אויפלעבונג אינציאטיוו (DRI) אינוועסטירונג. עס איז א הויפט וועג צו די קאפיטאל סיטי, דינענדיג אלס הויפט טויער צו אלבאני פאר צענדליגער טויזנטער ניו יארקער און ארויס-פון-סטעיט באזוכער, אריינגערעכנט טויזנטער מענטשן וואס קומען צו דער ארבעט דא יעדן טאג און די איינוואוינער וואס רופן קלינטאן סקווער זייער היים. די געגנט האט א רייכע היסטארישע העריטעדזש פארטרעטן דורך די פארשידנארטיגע ארכיטעקטורישע סטילן און לענדמארקס, אזוי ווי אלבאני יוניאן סטאנציע און קוואקענבוש הויז.

קלינטאן מארק ווערט געשטעלט אלס צוגאבע צו די דרינגענדיגע סקייוועי, די קאפיטאל ראיאן'ס ערשטע און איינציגסטע העכער-די-ערד ליניער פארק - א פראיעקט וואס איז ענליך געמאכט געווארן אונטער די פארוואלטונג פון די סיטי אוו אלבאני'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג ארגאניזאציע, קאפיטאלייז אלבאני, מיט געלט הילף אונטער א ראיאנישע קאונסילס אינציאטיוו גרענט שענקונג.

בשעת קאנסטראקשאן גייט אן, טוט קאפיטאלייז אלבאני אריינטרעטן אין א וויכטיגע פאנדרעיזינג שטאפל צו שטיצן דאס ברענגען נאך הויפט סייט איינריכטונגען צום פלאץ וואס זענען נויטיג כדי צו אקטיוויזירן די מארקעט קאנצעפט. די קארפאראציע האט איינגעפאקט מערערע העכסט זעבארע קארפארעיט ספאנסארשיפ געלעגנהייטן צו שטיצן די פראיעקט'ס האלבוועגס-פערמענאנטע ווענדאר פלאץ אין ספעציעלע שיפינג קאנטעינארס, א פארשטעלונג סטעידזש, אוטדאור זיץ פלעצער, און נאך.

די קלינטאן מארקעט פלאץ גרעניצט זיך מיט קלינטאן עוועניו אין דרום, בראדוועי אין מזרח, נארט פערל סטריט אויף מערב און די ליא וו. א'ברייען פעדעראלע געביידע אין צפון.

די סיטי אָוו אלבאני איז באטיטלט געווארן אלס קאפיטאל ראיאן געווינער פון רונדע 3 פון די דאונטאון ווידער-אויפלעבונג אינציאטיוו. אלבאני'ס DRI פלאן קאנצענטרירט זיך אויף ווידער אויפלעבן קלינטאן סקווער צו בויען א ווארעם ענטפאנגענדע טויער צו די קאפיטאל סיטי. די באקוועמע און פיסגייער-פריינטליכע געגנט, רייך אין היסטאריע, קונסטווערק און קולטורישע אוצרות, איז דארט וואו פינף סיטי אינוועסטירונג זאנעס קומען זיך צוזאם. די סיטי נעמט אן אלץ אויסבליק צו אויפלעבן קלינטאן סקווער דירעקט בשעת'ן צושטעלן צוגאבליכע אינוועסטירונגען, ראוד אויספלאסטערונג פארבעסערונגען און געציהלטע האוזינג אויפלעבונג פראיעקטן. מיט די DRI אינוועסטירונג, ווען איינוואוינער, באזיכער און ארבייטער הנאה האבן פון נייע פארבינדונגען צו די האדסאן ריווער.

קלינטאן סקווער איז אויסגעשטעלט צו זיין א בליהענדע טויער דיסטריקט און אן אייגנארטיגע צענטער וואס פארבינדט און טרייבט אויף אקטיוויטעט אין די שטאט צענטער און אין די Warehouse דיסטריקט, און עס ציהט די שוואונג אריין צו די Arbor Hill און Sheridan Hollow געגנטער דורך פובליק אינפראסטראקטור פארבעסערונגען, פריוואטע פראיעקט דעוועלאפמענטס און ווירלבנדע קונסטווערק און אונטערהאלטונג אינוועסטירונגען.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO, און קאָמיסיאָנערין האופ נייט האט געזאגט**, "די קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו פראיעקט איז בלויז די לעצטע בייַשפּיל פון ווי אזוי די דאונטאון ווידער אויפלעבונג אינציאטיוו טוט ווייטער אריינבלאזן פרישע לעבן אין סיטי צענטערן, דורך סטראטעגישע אינוועסטירונגען אין פראיעקטן וואס שאפן בליאונג, געלעגנהייטן און אנטיילנעמונג. ESD איז שטאלץ זיך צו אנשליסן אין די דעפארטמענט אוו סטעיט און אנדערע שותפים מיטן שטיצן א פובליק פלאץ וואס וועט ווייטער אויפלעבן דאונטאון אלבאני אלס א היים פאר קונסט, געשעפן, און אנהויב ערפינדונג."

**פארטרעטער פאול טאנקא האט געזאגט**, "די קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו איז א שיינענדיגע בייַשפּיל פון ווי אזוי אינוועסטירן דירעקט אין אונזערע קאמיוניטיס קען טראנספארמירן נישט-גענוג-באנוצטע געגנטער צו לעבהאפטיגע פובליק פלעצער וואס פירן עקאנאמישע אנטוויקלונג און טוען ווידער אויפלעבן אונזערע דאונטאונס. איך בין שטאלץ פון מיינע באמיאונגען צו דעליווער'ן די אמעריקאנער רעטונג פלאן געלטער וואס האבן ערמעגליכט דעם פראיעקט, און איך אפלאדיר די קאפיטאלייז אלבאני טיעם און אלע וואס זענען פארמישט אין דעם פאר זייער ארבעט און זייער געטריישאפט צו מאכן אלבאני א בעסערע פלאץ צו וואוינען, ארבעטן, און אויפציען א פאמיליע."

**סטעיט סענאטאר ניעל ברעסלין האט געזאגט,** "די נייע איבערבוי פון פעדעראל פארק ביים ווינקל פון קלינטאן עוועניו און בראדוועי אינעם קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו פראיעקט וואס וועט זיין א צוגאבע צו די דערנעבנדיגע סקייוועי וועט העלפן פארזעצן דאונטאון אלבאני'ס ווידער אויפלעבונג.איך אפלאדיר גאווערנער האקול און איר טיעם ביי די דעפארטמענט אוו סטעיט און די עמפּייער סטעיט דעוועלאפמענט פאר זייער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו זען די סיטי אָוו אלבאני און די גאנצע קאפיטאל ראיאן בליען."

**אסמבלימיטגליד פעט פעי האט געזאגט**, "קלינטאן סקווער איז היסטאריש געווען א נעקסוס פאר געשעפטן, האנדל און איינקויף דורכאויס אלבאני'ס לעבהאפטיגע היסטאריע. די קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו באצייכנט די אנגייענדקייט פון די וויכטיגע היסטאריע און וועט גוט דינען אלס ניו יארק'ס קאפיטאל סיטי אלס א מאדערנע און באגריסנדע אריינגאנג וואס צייגט די בעסטע פון וואס אונזער עקאנאמיע, קולטור, שפּאצירנדע קאמיוניטיס, און קונסט האבן צו צושטעלן פאר באזוכער און איינוואוינער צוגלייך. א דאנק אייך ניו יארק סעקרעטאר פון סטעיט ראבערט ראדריגעז, קאפיטאלייז אלבאני, עמפּייער סטעיט דעוועלאפמענט, און נאך פיל אנדערע וואס האבן געארבעט אינאיינעם צו העלפן ווידער אויפלעבן נאך א טייל פון אונזער קאפיטאל ראיאן'ס הויפּט פונקטן; דאונטאון אלבאני."

**אסעמבלימיטגליד דזשאן ד. מקדאנעלד III, Rph האט געזאגט**, "די קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו וועט בויען אויף די ערפאלגרייכע אלבאני סקייוועי דורכן זיין א אויפצי צענטער פאר קלענערע ביזנעסער און שאפן קולטורישע געלעגנהייטן וואס וועלן ציען באזוכער צום געגנט. איך אפלאדיר אלע אַרבעט דורך מיין סטעיט און לאקאלע פארטנערס צו ברענגען דעם פראיעקט צום לעבן. אינוועסטירן אין אונזערע דאונטאון קאמיוניטיס איז גאר וויכטיג פאר אלע פוןאונזערע קאמיוניטיס, און איך קוק ארויס צו זען אלעס וואס די קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו וועט ברענגען צו די סיטי אָוו אלבאני און די גרעסערע קאפיטאל ראיאן."

**אלבאני מעיאר קעטי שיהאן האט געזאגט**, "גאר פרייליכע זאכן פאסירן איבעראל דורכאויס אין ניו יארק'ס קאפיטאל סיטי, אריינגערעכנט די אויפבוי פון די קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו - א פראיעקט וואס וועט טראנספארמירן אן אונטער-באנוצטע פלאץ צו א לעבהאפטיגע און באגריסנדע דעסטינאציע ווי עס פאסט פאר איינע פון אלבאני'ס טויערן. דאס איז א הויפט טייל פון אונזערע אנגייענדע באמיאונגען צו ווידער אויפלעבן אלטמאדישע אינפראסטרוקטור - אזוי ווי מיר האבן געטון מיט די אלבאני סקייוועי און קוואקענבוש סקווער - און עס פארוואנדלען צו עפעס וואס איז סיי נוצליך און הערליך פאר באזוכער און איינוואוינער צוגלייך צו הנאה האבן. עס איז א פרייליכע צייט פאר אלבאני, און איך וויל באדאנקען יעדן איינעם וואס האט געהאלפן שטופן דעם פראיעקט, אריינרעכענענדיג גאווערנער האקול, NYS סעקרעטאר אוו סטעיט ראדריגעז, NYS סענאט וויצע פרעזידענט פּראָ טעמפּארי ברעסלין, אסעמבלי מיטגלידערין פעיהי, אסעמבלי מיטגליד מקדאנעלד און קאונסיל מיטגלידערין לאָוו, קאפיטאלייז אלבאני קארפאראציע פרעזידענט סארא רעגינעלי, און די דערנעבנדע געגנטער און ביזנעס קאמיוניטי. איך וויל אויך באדאנקען פרעזידענטביידען, סענאט מאיאריטעט פירער שומער, סענאטאר דזשיליברענד, און

קאנגרעסמאן טאנקא פארן מאכן די אמעריקאנער רעטונג פלאן מעגליך וואס העלפט א באדייטנדע טייל פון דעם פראיעקט מעגליך דורך אונזער אלבאני פאר אלע גרענט פראגראם."

**סארא רעגינעלי, קאפיטאלייז אלבאני קארפאראציע פרעזידענט, האט געזאגט,** "פיל האבן שוין אנגעהויבן צו ברענגען דעם פראיעקט צום לעבן, מיר זענען דאנקבאר פאר די הונדערטער קאמיוניטי מיטגלידער וואס האבן מיטגעטיילט געדאנקען פארן טראנספארמירן דעם פלאץ דורכאויס די קלינטאן סקווער DRI פלאנירונג פראצעדור, און א דאנק אייך נעשענעל גריד, די דעפארטמענט אוו סטעיט, עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט און די סיטי אָוו אלבאני פאר הילף מיטן אקטיוויזירן דעם אונטער-באנוצטן סיטי טויער. מען דארף נאך האבן וויכטיגע סייט איינריכטונגען כדי צו ערמעגליכן די מארקעט קאנצעפט און מיר קוקן ארויס צו הערן פון און ארבעטן מיט נאך פראיעקט פארטנערס וואס וועלן אונז העלפן פולשטענדיג פארווירקליכן די פאטענציאל פונעם פלאץ. ווען עס וועט זיין פארטיג, וועט די קלינטאן מארקעט פונקציאנירן אלס דעסטינאציע געמאכט ספעציפיש צו אנהויבן פארשידנארטיגע געלעגנהייטן פאר הויפט צוזאמענקונפטן צו צושטעלן רעקלאמירונג און וואוקס פאר דינאמישע געשעפטן און קאמערציאלע קאנצעפטן. דער פלאץ וועט ציען באזוכער אין קלינטאן סקווער און זיי מוטיגן צו פארברענגען מער צייט מיטן באזוכן אלבאני."

**ברייען סאנא, נעשענעל גריד'ס ראיאנישע דירעקטאר פון קאמיוניטי און קאסטומער מענעדזשמענט, האט געזאגט,** "די גרענט וואס נעשענעל גריד האט צוגעשטעלט וועט העלפן שטיצן דעם דעזיין, ווידער איבערבוי, און ריבערענדינג פון די אונטער-באנוצטע פעדעראל פארק אינעם קלינטאן סקווער טייל פון אלבאני צו ערלויבן די שאפונג פון א נייע מארקעט קאנצעפט און צושטעלן פלאץ פאר ברענגען פריש-געעפנטע ביזנעסער צום געגנט. נעשענעל גריד ארבעטער זענען טייל פונעם געוועב פון די קאמיוניטיס ארום די קאפיטאל ראיאן. אונזער האפענונג איז אז די קריטישע פארבינדונג צווישן קוואקענבוש גאראדזש, פאלאץ טעאטער, און די נייע קאפיטאל רעפ טעאטער מיט א נייע פובליק סטריטסקעיפ, ADA רעמפ, וואלקוועיס, לייטינג און אנדערע פובליק איינריכטונגען וועלן העלפן ערמעגליכן ווייטערדיגע וואוקס אין די קאמיוניטיס אין וועלכן מיר לעבן און דינען."

**קאפיטאל ראיאן עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל קאָ-טשעירס רוט מאהאני, עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט, פרעזידענט פון פארמעגנס פארוואלטונג און ראיאנישע פרעזידענט פון NBT Bank און דר. האווידאן ראדריגעז, אלבאני אוניווערסיטעט פרעזידענט, האבן געזאגט,** "פלענער פאר די נייע קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו פראיעקט אנערקענען אלבאני'ס פילע אייגנארטיגע מעלות, פון היסטאריע ביז קונסט און האנדל, און וועט העלפן זיי צו פארבינדן און צייגן אין די איבערגעמאכטע פלאץ. די DRI שטיצט א געדאנק פאר דאונטאונס אלס שפרודלדיגע צענטערן פאר איינוואוינער און באזוכער צוגלייך און מאכט דעם געדאנק א רעאליטעט - און מיר קוקן ארויס צו באגריסן די נייע צוגאבע צו די קלינטאן סקווער געגנט."

**דזשיארדזשעט סטעפענס, דאונטאון אלבאני BID עקזעקיוטיוו דירעקטאר האט געזאגט,** "די אומגלויבליכע פראיעקט טוט אליין טראנספארמירן, און וועט איר נעמט אין באטראכט אז א סיטי ווערט באטראכט לויט ווי אזוי עס באגריסט אירע באזוכער, איז די קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו ווירקליך א חידוש. וואס איז געווען אן אונטער-באנוצטע שטיק לאנד וועט באלד דינען אלס א שפרודלדיגע באגריסונג צו די וואס וואוינען, ארבעטן, און פארברענגען דא - א צאל וואס טוט ווייטער שטייגן אזוי ווי איבער 70 פראצענט פון דאונטאון איינגעשטעלטע האבן זיך צוריקגעקערט צום אפיס, אונזער דיסטריקט'ס 1,000'סטע רעזידענשל יוניט איז געקומען אנליין, און די צאל צוזאמענקונפטן האבן איבערגעשטיגן פאר-COVID שטאפלען. אלס היים צו אלבאני'ס צענטראלע סאשעל דיסטריקט, ארבעט די BID צו מעלדן פאר מענטשן איבער אלעס וואס ווערט דא צוגעשטעלט, און די קלינטאן מארקעט קאלעקטיוו וועט דינען אלס א וויכטיגע פארבינדונג צווישן אלבאני סקייוועי און די וועלט-בארימטע קונסט און פארווייליונג, איינקויף, עסערייען און פובליק קונסט וואס מען קען נאר טרעפן דא. גראטולאציעס צו קאפיטאלייז

אלבאני אויף דעם היינטיגן טאג'ס מעלדונג, און צו אלע פארטנערס וואס האבן ערמעגליכט דעם פראיעקט."

**שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו**
ניו יארק סטעיט'ס DRI – א הויפט באשטאנדטייל פון איר עקאנאמישע אנטוויקלונג פראגראם – טראנספארמירט שטאטישע צענטער געגנטער צו ווערן ווירבלנדע צענטער וועלכע אפפערן א הויכע קוואליטעט פון לעבן און וועלכע זענען ווי מאגנעטן פאר נייע דעוועלאפמענט, ביזנעס, נייע דזשאבס און עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט. ווערנדיג אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט מיט הילף פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, די היימער און קאמיוניטי רינוּעל און NYSERDA — איז די DRI א פרעצענדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג, און די רעזולטאטן דערפון זענען געדיכטע, פיסגייער-פריינטליכע שטאט צענטערן וואס זענען א הויפט באשטאנדטייל אינעם העלפן ניו יארק סטעיט צוריק אויפבויען איר עקאנאמיע נאך די ווירקונגען פון די קאוויד-19 פאנדעמיע, און אזוי אויך צו ערגרייכן די סטעיט'ס דרייסטע קלימאט ציהלן דורכן שטופן פאר דאס באנוץ מיט פובליק טראנספארטאציע און רעדוצירן דאס זיין געוואנדן אויף פריוואטע קארן. מער אינפארמאציע איבער די DRI איז פארעפנטליכט דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן